Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Mosḳṿe, 1937

22

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 22

עֿכ, ס׳ארא צײַטעלֿע, עכ ס׳ארא וועלֿט,
פויגל־מילֿכ זשוקנ האָט איכ ניט געפעלֿט!

ארײַנגײנ ט׳באדארפט נאָר מאכנאָ אינ א שטאָט —
טאָמער א קעלֿער, טאָמער א שטאָק,

טאָמער א פענצטער, א טיר צי א שלֿאָס, —
איז גלֿײַכ ט׳מענ געהײסנ דערלֿאנגענ א שאָס.

א שאָס איז א שאָס. אונ מע פרעגט ניט פאר וואָס, —
בעסער ניט ברענגענ מאכנאָנ אינ פארדראָס.

זיצט דאָרט א קירזשנער אינ אײבערשטנ שטאָק,
כאנדאָזשעט קאשקעטנ. כאנדאָזשעט דער שטאָט.

כאנדאָזשעט באטאָג אונ כאנדאָזשעט באנאכט,
אונ אפ אנ אומגלֿיק ער ריכט זיכ אונ וואַרט.

נו, וועט ער קומענ — שפּעטער צי פרי׳ר,
צי דורכ א פענצטער צי דורכ דער טיר.

וועט ער אריַינגיינ — א ריס אונ א בראָכ:
— אָט איז דאָס לֿעבנ, אומגלֿיק, וואָס נאָכ?

אָט איז דער האלֿדז אונ אָט איז די האק, —
וויי, ס׳ארא רעגנ, — פּאָרסט מיט דער אקס?

קינדער — א גאסט! וויי, ס׳ארא גאסט,
ס׳איז איצט א כוישעכ אזא אפ דער גאס...

נו, א גוטנ־אָוונט דיר, אומגלֿיק, זיצ!
מיַינ נאָמענ איז איצי. קאָפּ צי שפּיצ?

רו זיכ א ביסלֿ, אומגלֿיק, אָפּ, —
האָסט אזא שווערנ, געשוואָלֿענעמ קאָפּ.

ווּעסט זיכ ניט וואשנ צו זאלצ אונ צו ברויט?
ט׳וועלֿ איכ ארויסדרייענ בעסער דעמ קנויט.

דאכט זיכ — א בלֿיצ. דאכט זיכ — א בלֿאָנק, —
ט׳וועלֿ איכ ארויסדרייענ, אומגלֿיק, דעמ לֿאָמפּ.

וועמענ באדארפסטו, אומגליק, ה״ר נאָר,
וועמענ באדארפסטו בא איצי דעמ קערזשנער?

וועמענ באדארפסטו, אומגלֿיק, אונ וואָס?
וואָס וועסטו נעמענ — דאָס הארצ צי א מאָס?

ניטאָ אזא מאָס אף דער גאנצינקער שטאָט,
אף דער גאנצינקער וועלט אזא מאָס איז נישטאָ...

געפעלט זי דיר, אומגליק, עפעס די שטאָט?
פאראנ א צירולניק. א קלויז. און א באָד.

מע שערט זיך. מע גאָלט זיך. אקוראט.
ווער — אום און ווער—גראד.

גיי שער זיך ארום. גיי גאָל זיך אָפּ.
האָסט אזא שווערן, געשוואָלענעם קאָפּ.

וואָס אזוי שפּעט עפעס? אומגליק, זיצ!
מיין נאָמענ איז איצי. קאָפּ צי שפּיצ?

אומגליק, א קירזשנער, — גיט איצי א קלאַפּ, —
מעסט שטענדיק פרי׳ר אָנ אף דעמ אייגענעם קאָפּ...

אלצ — אף זיינ קאָפּ. אלצ — אף זיינ מאָס.
ווייַ — ס׳ארא רעגנ. ווייַ ס׳ארא גאָס...

אף שטאָק איז א פענצטער, א טיר און א שלאָס,
דאכט זיך, מע גייט און מע ריגעוועט: — „לאָז!"

דער פינגערהוט — דאָ. דאָס קריידל. די מאָס.
וואָס?.. —

א שאָס איז א שאָס. און מע פרעגט ניט פאר וואָס, —
בעסער ניט ברענגענ מאכנאָנ אינ פארדראָס.

האָט איצי די אויגנ אינ ציטער פארמאכט:
צי ס'האָט זיכ געכאָלעמט, צי ס'האָט זיכ געדאכט...

א פונק אונ א בליצ, ווי א מעסער די שמאָל,
נ'א פינטל מיט אויגנ — צו עטלעכע מאָל.

א געלער ז'דער קירזשנער. איז וואָס זשע דערפונ?
דעמ קאָפּ נאָר א טוק געטאָנ, פונקט ווי א הונ.

אז אָט איז זײַנ טיש, אונ אָט איז זײַנ נאכט,
אונ ס'איז עס שוינ, דאכט זיכ — ניט דאָ געדאכט...

דאכט זיכ — דער פינגערהוט. טוט מענ אימ אָנ —
אז אָט איז מענ דאָ, אונ אָט איז מענ ניטאָ.

זײַנ שמויסענע באָרד, ווי אנ עק פונ א האָז —
אונ ס'טריפט אפנ פינגערהוט בלוט פונ דער נאָז.

דער פינגערהוט — דאָ. דאָס קרײַדל. די מאָס.
וואָס?.. —

א שאָס איז א שאָס. אונ מע פרעגט ניט פאר וואָס, —
בעסער ניט ברענגענ מאכנאָנ אינ פארדראָס.

דאָס שטיבל דעמ קירזשנערס — אינ פאכעד פארהילט,
עס קוקט אינעמ פענצטער א בלעכענע שילד.

אפ שילד איז א יאָלעמ. א הוט. א קאשקעט.
עס פעלנ אינ זיי נאָר סאכאקל — די קעפּ.

א דײַגע א קאָפּ? א קאָפּ איז פאַראַן
שמעלער דער דעניק. ברייטער דער ראַנד.

פון איין שטוב — דעם מאַן. פון דער צווייטער — דעם מאַן.
אָט איז שוין באַם קירזשנער מאַכנאָס אַטאַמאַן.

א ריס פאַר דע־ טיר. א ריס פאַרן הויף.
— א יאָלעמל קירזשנער, ס׳איז איך — זשוק! —

האָט זשוק זיך געמאָסטן באַם קירזשנער א הוט,
דער קירזשנער איז גרין, און ס׳ע גייט פון אים בלוט.

— נאָך איינעם, קירזשנער, — אָט האָסטו א שמויס. —
און נאָכעט א מעסט. און א קוק. און — אַרויס.

פערד — אַפן דרויסן. פערד — אַפ דער גאַס, —
איז פּאָטער געוואָרן דער קירזשנער זײַן גאַסט.

קלאַפּט זיך באַם קירזשנער דאָס האַרץ אַזוי אָפּט,
עס נעמט אים דאָס בעט ניט. עס נעמט אים קיין שלאָף.

א ריס פאַרן האַרץ און א ריס פאַרן הויף:
— ס׳איז, קירזשנערל, איך! אַטאַמאַן זשוק!

— זשוק? — פרעגט דער קירזשנער און ציטערט אים נאָך. —
— יאָ! — ס׳האָט באַפוילן דיר קומען מאַכנאָ. —

האָט זיך געשטעלט אין דער נאָז אים דאָס בלוט:
— איז גאָט זאָל דיר העלפן... איז זײַ אַזוי גוט...

אָט טײקעפ... די קינדער... א רעגעלע... ווארט...
וואָס דארפ מיכ, אשטייגער, מאכנאָ באדערנאכט? —

— נו, גיכ! טו זיכ אָנ. אונ פרעג ניט, נאר, —
א כילעק בא דיר — צי באטאָג צי באנאכט... —

האָט קירזשנער א קוק געטאָנ טעמפ אפ די ווענט:
— דעמ מאנטל... וו זײַנענ די ארבל?.. די הענט...

געוועג, דאכט זיכ, שלײפעלעכ... געוועג, דאכט זיכ, קנעפ —
אזש פונ גולײַפאָליע ביז צו דעמ דניעפ... —

א גרינער ז'דער קירזשנער. איז וואָס זשע דערפונ?
דעמ קאָפ נאָר א טוק געטאָנ, פונקט ווי א הונ.

א פונק אונ א בליצ — ווי א מעסער די שמאָל, —
א פינטל מיט אויגנ — אפ עטלעכע מאָל.

נ'מיט קאָפ צו דעמ טיש איז דער קירזשנער ארויס,
אונ זשוק איז די טויז, אונ די באָרד איז פונ שמויס.

די פיס ווי אפ גריבער זיכ האָבנ געשארט,
נאָר ווער זאָל א ווײנ טאָנ אינמיטנ דער נאכט?

ארײַנגאנ איז קירזשנער אינ שטאב ווי אינ פלעט,
האָט ער געטראָפנ מאכנאָענ אינ בעט.

שטײט ער אונ קוקט וו ער איז אינ דער וועלט,
אונ ס'גיט פונעמ בעט מאכנאָ א באפעל:

— זיצ! ווײַלע ארבעטנ ארבעטסטו גוט.
איז נײ זשע מיר אופ ביז באגינענ א הוט!

אָט האָסטו דאָ צוויי קאראקולנע סעק,
אונ גרייט זאָל עס זײַנ ביז באגינענ אינ וועג. —

רײַסט זיכ באמ קירזשנער פונ אָדערנ היצ,
קוקט ער, אונ הערט, אונ האָט מוירע, אונ זיצט.

— אונ אויב דו פארשפעטיקסט, איז ביסטו קאפוט!
גײ אונ פארנעמ זיכ אונ נײ מיר דעמ הוט!

ווארט! נאָכ א מאנטל נעמ דיר אונ — גוט.
איז וואָס עפעס גייט פונ דער נאָז בא דיר בלוט? —

— ס'איז גאָרניט. מיסטאמע. ס'איז גוט. ס'איז דער קאָפּ.
די מאָס... אז איכ ווייס ניט... ווי נעמט מענ אראָפּ?

ווי נעמט מענ אראָפּ פונ מאכנאָענ א מאָס,
סע זאָל נאָכ, כאָלילע, ניט זײַנ דאָ קיינ טאָעס? —

האָט איצי געדרייט זיכ אפ הינ אונ צוריק,
ס'קומט אימ ניט אויס צו דער האנט זײַנ פאריק.

די האָר — אפנ שטערנ. די אויגנ — פארדעקט.
ער וואָלט זיי פארשארט. אונ ס'וואָלט אימ געקלעקט...

סאפּעט דער קירזשנער. האָט מוירע אונ בלאָזט:
— א קלייניקײַט נעמענ מאכנאָענ א מאָס?..

דעם דעניק וואָס ברייטער, געוויס, האָט ער ליב,
גיט דאָרט בא איצין א ציטער די ליפּ.

קוקט זיך דאָס קירזשנערל איצי ארום:
ס'איז אזא שטילקייט אזוי ווי נ'א גרוב...

האָט איצי גענומען געארעם זיין קאָפּ
און קוקט אין די זייטן, די אויגן אראָפּ...

ווי נעמט מען אראָפּ פון מאכנאָען א מאָס,
סע זאָל נאָך, כאָלילע, ניט זיין דאָ קיין טאָעס...

א שאָס איז א שאָס. און מע פרעגט ניט פאר וואָס, —
א קלייניקייט — דעם מאלכאמאָוועס א מאָס?

און ס'גיט זיך מאכנאָ פונעם בעט א צעברי:
— וואָס עפּעס פארשפּרעכסטו מיך, קירזשנער, ייִד?

ס'איז אזוי שטיל. בלויז טריט.
ציטערט דער קירזשנער: — גאָט באהיט!

א בראָכע איך מאך, וואָס זען איך האָב
דעם ווערט בא גאָט — א קייסערשן קאָפּ...

און ווער ס'האָט א מאלכעס צו זען די ווערט,
איז לעבט ער דערנאָכדעם מיט צען יאָר מער... —

— מער אָדער ווייניקער, קירזשנער, אן עק!
וואָס קאָכט מען בא דיר היינט? איך איל זיך אין וועג!.. —

ס'איז קרײַדיק דער קירזשנער און ווײַסער — פון וואָס...
האָט איצי גענומען מאכנאָען די מאָס.

אפ צריקוועגס האָט זשוק אים געטאָן א באפעל:
— וואַרעניקעס באַק פון א גאנצן זאַק מעל! —

...גוטע וואַרעניקעס... גוטע — געווען!
אָט א זשידאָווקעלע — גאָלדענע הענט.

שטייט אפן פעלדז איצטער זשוק און דערמאנט:
— געווען אמאָל צײַטן... מאכנאָס אטאמאנ...

האָט מען געהוליעט א צײַטעלע — אוכ! —
פון זאפאָראָזשיע ביז — ווייסט עס דער רוכ!

וואַלד איז וואַלד. און סטעפּ איז סטעפּ —
אזש פון גולײַפּאָליע ביז צו דעם דניעפּ!

אז באַטקאָ מאכנאָ, איז די וועלט א וועלט!
און איצטער גיי דרויבע דעם שטיינ מיט די הענט...

איצט איז צעקלעפּט א געוועט אפ דער טיר,
נ'א שטיינהעקער זשוק איז אפ פעלדז „באָגאַטיר".

באַוואָרנט, באַרעכנט, מע קוקט און מע היט,
און דאָ בריגאַדירעוועט עפּעס א ייִד,

וואָס שנײַדט מיט די אויגן אפ דורכ און דורכ.
א באַלעגאָלע, ווייסט אים דער רוכ!

נאָיעט באמ לעבער. ס׳דערמאָנט זיכ אימ נאָכ:
געווענ ס׳איז א לעבנ באמ פאָטער מאכנאָ!

נו, איז ארײַנגאנ מאכנאָ אינ א שטאָט, —
אָט איז א קעלער אונ אָט איז א שטאָק —

אפ שטאָק איז א פענצטער, א טיר אונ א שלאָס, —
האָט ער געהײסנ דערלאנגענ א שאָס.

א שאָס איז א שאָס. אונ מע פרעגט ניט פאר וואָס, —
בעסער ניט ברענגענ מאכנאָנ אינ פארדראָס!